בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תצוה פורים תש"פ** פרשת זכור א פרייליכן פורים **גליון 543 [שנה י"ב]**

**משה רבינו איז געווען א לעבעדיגע מוסר ספר**

וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד: (כז כ) פרעגן די מפרשים פארוואס שטייט "וְאַתָּה" תְּצַוֶּה און נישט "צַו" אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל? נאר די מפרשים ביי (דברים לא) וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה: "אין וילך אלא לשון תוכחה"! נאר דאס מיינט אז ווען משה רבינו איז געגאנגען האבן מענטשן זיך אפגעלערנט פון זיין גיין און מעשים, דאס קען זיין פשט וואס עס שטייט "כל מי שיש בו יראת שמים דבריו נשמעין" (ברכות ו.) וואס מיינט נשמעין? נאר עס הערט זיך פון זיך אליין זיינע רייד, ווען מען זעט זיין גיין און מעשים. דאס איז געווען "וילך משה" ער איז געווען א מוסר פאר די וואס האבן אים געזען גיין. דאס מיינט וְאַתָּה: דו משה מיט דיין הנהגה, תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: אז וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ: דאס מיינט טאן די מצוות און לערנען תורה, אז לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד, און אז זייערע נשמות זאלן זיך לייכטן. (אוֹשֶׁר אהרן הגאון ר' אהרן אשר ווֹלינץ מחבר חמש עשרה ספרים בכל מקצוֹעות התורה)

**שטענדיג זאל מען טראכטן פון שבת**

נֵר תָּמִיד: (כז כ) שטייט אין בעל הטורים אז דאס איז נֵר תָּמִיד איז בגימט' בַּשַּׁבָּת (704). מען קען דאס מסביר זיין: אז אלע ברכות פון די וואך זענען נאר פון שַׁבָּת, און מען דארף שטענדיג געדענקען דעם שַׁבָּת, דאס מיינט נֵר תָּמִיד דער שַׁבָּת זאל שטענדיג לייכטן ביי דער מענטש און טראכטן פון שַׁבָּת. (אוצר חיים הגאון ר' חיים צוקרמאן)

## פנינים למגילת אסתר ולפורים

**א אינטרעסאנטע ידיעה אין די מגילה**

עס שטייט אין די מגילה: מרדכי 58 מאל = ח"ן, און אסתר שטייט 55 מאל = ה"ן, און המן שטייט 54 מאל =ד"ן, דעריבער האט אסתר מיט 55, מכניע געווען הָמָן 54. (שמח זבולון תש"פ)

**וואס מיינט מְשׁוֹמְרֵי הַסַּף**

בַּיָּמִים הָהֵם וּמָרְדֳּכַי יוֹשֵׁב בְּשַׁעַר הַמֶּלֶךְ קָצַף בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ שְׁנֵי סָרִיסֵי הַמֶּלֶךְ מִשֹּׁמְרֵי הַסַּף וַיְבַקְשׁוּ לִשְׁלֹחַ יָד בַּמֶּלֶךְ אֲחַשְׁוֵרֹשׁ: (ב כא) שטייט אז בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ האבן געהיט דעם סַף: וואס מיינט סַף? דער תרגום אסתר שרייבט "בגתן ותרש טרסאי תרין רברבני מלכא "מנטרי פלטירא" ואמרו לאשקאה סמא דמותא". שֹׁמְרֵי הַסַּף- זיי האבן געהיט דעם פאלאץ. און אין אגדת אסתר און אין ילקוט שמעוני (אסתר פ"ב) ברענגען זיי ר' לוי וואס שרייבט אז זיי האבן געהיט דעם שער המלך, און דארטן ברענגט מען נישט וועגן לייגן סַם, נאר עס שטייט "נלך ונהרגנו בצנעה", קומט אויס לויט זיי, מיינט שֹׁמְרֵי הַסַּף: דעם טויער פון פאלאץ, און אזוי וואלטן זיי געקענט הרגענען אחשורוש בצנעה, אבער די גמ' (מגילה יג) ברענגט אז בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ האבן געוואלט הרגענען אחשורוש ווייל זיי האבן געזאגט אז אחשורוש טרינקט זייער אסאך און זיי קענען נישט שלאפן וועגן דעם, און דעריבער דורך ארייַנלייגן סם אין זיין גלאז וועלן זיי אים הרגענען. איז שווער לויט דעם תרגום: ווי אזוי וואלטן זיי געקענט אנקומען צו לייגן סם אין א גלאז פון קעניג, ווען עס וואלט זיכער געווען שומרים אויפן כלים פון קעניג? אבער דער תרגום שני טייטשט שֹׁמְרֵי הַסַּף "מנטרי מניא" זיי האבן געהיט די כלים! און מען טרעפט אויך אז סַף מיינט כלים: רש"י (ע"ז דף לח:) ד"ה וְסִפּוֹת: "כֵּלִים" להשתמש כמו שֹׁמְרֵי הַסַּף (אסתר ב) ע"כ, אויך רש"י און דער רשב"ם (שמות יב כב) זאגן אויפן פסוק: (שמות יב כב) וּטְבַלְתֶּם בַּדָּם אֲשֶׁר בַּסַּף: בִּכְלִי, ספות כסף, און אזוי שטייט אין (מלכים ב יב יד) סִפּוֹת כֶּסֶף וגו' כָּל כְּלִי זָהָב, וּכְלִי כָסֶף וגו'. צו פארשטיין אדער זיי האבן געהיט דעם שער אדער די כלים! נאר דער הייליגער מהרש"א (מגילה יג) לערנט אז באמת, סַף מיינט ביידע זאכן, סיי כלים און סיי שער, און ווייל עס איז געווען צוויי מענטשן, בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ, האט איינער געהיט אויפן שער און איינער אויפן כלים, אבער מען האט דאך געדארפט גיין ברענגען סַם פון ערגעץ און דערווייל וועט דאך נישט זיין א שומר ביי די כֵּלִים, האבן זיי אפגעמאכט אז איינער פון זיי וועט דארפן זיין די שומר אויף ביידע פלעצער, און לויפן אהין און צוריק, אבער וַיְבֻקַּשׁ הַדָּבָר וַיִּמָּצֵא! מען האט געזען אז דער שומר איז נישט געווען! האט מען זיי געכאפט מיט דעם. קומט אויס אז ביידע טייטשן פון סַף זענען אמת, איינער איז געווען א שומר ביים שער המלך און איינער איז געווען א שומר אויף די כלים. (שמח זבולון תש"פ)

**כלל ישראל וועט אייביג בלייבן**

רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים מִמָּקוֹם אַחֵר: (ד יד) דארף מען פארשטיין ווי האט מרדכי געוואוסט אז א הצלה וועט קומען פון א אנדער פלאץ? און אויב כלל ישראל איז געשטאנען אין א סכנה פון לְאַבְּדָם חלילה, און זיי זענען געראטעוועט געווארן פון דעם, אויב אזוי פארוואס זאגט מען נישט הלל אויף דעם נס אין פורים? נאר איין קשיא פאראנטפערט דעם צווייטן: ווייל מרדכי האט געוואוסט אז אן כלל ישראל איז נישטא קיין וועלט, בראשית די בריאה איז בשביל ישראל (רש"י אנפאנג בראשית) ממילא אז המן האט גוזר געווען אויף לְאַבְּדָם, קען דאס נישט זיין, ווייל דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אז כלל ישראל איז אויף אייביג, און די גזירה וועט ממילא בטל ווערן, דעריבער איז מרדכי געווען זיכער אז רֶוַח וְהַצָּלָה יַעֲמוֹד לַיְּהוּדִים, און טאקע דערפאר זאגט מען נישט הלל, ווייל די גזירה וואלט נישט געקענט מקויים ווערן. (יד דוד הגאון ר' דוד לייב זילברשטיין אב"ד ווייטצען)

**לערנען פארן דאווענען אין פורים איז א סגולה לקבלת התפילות**

וּבְבֹאָהּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה: (ט כה) שטייט פון הייליגן שר שלום מבעלזא זצוק"ל וּבְבֹאָהּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ: אז מען קומט פארן מלך העולם און מען וויל גיין דאווענען, אָמַר עִם הַסֵּפֶר: אז מען וועט לערנען פארן דאווענען, דעמאלטס יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה: וועלן אוועקגיין אלע שלעכטע מחשבות און מען וועט קענען דאווענען ווי עס דארף צו זיין. און אזוי שטייט פון הייליגן ר' שלמה קארלינער זצוק"ל געברענגט אין בית אהרן סוף פסח אז מען לערנט בעיון פארן דאווענען ווערט דער שכל גלייך און דער דאווענען איז ווי עס דארף צו זיין. און אוודאי איז א גרויסער ענין צו לערנען פורים פארן דאווענען אזוי ווי עס שטייט אין ספר סגולת ישראל אז פורים איז א עת רצון צו ווערן נתקבל אלע תפילות בבני חיי ומזוני און אויף אלע ענינים, און עס שטייט כל הפושט יד נותנין לו, ממילא איז זייער חשוב דעם לערנען פארן דאווענען פורים כדי די תפילות זאלן זיין בעסער און שטארקער, און נתקבל ווערן לרצון אמן. (שמח זבולון תש"פ)

מדור העובדות

## ****** הרה"ק ר' דוד מלעלוב וויל אז דער צדיק נסתר זאל נתגלה ווערן ******

הרה"ק ר' דוד מלעלוב זצוק"ל איז געווען בידידות מיט הרה"צ ר' משה שמואל משטעקיטשין זצוק"ל. ר' משה שמואל איז געווען פון די באהאלטענע צדיקים, און מענטשן האבן גארנישט געוואוסט פון זיין גרויסקייט, איינמאל איז געווען א ברית אין שטעקיטשין ביי דער רב פון שטאט הרה"צ ר' ליפא, און די דריי צדיקים האבן פארברענגט ביי די סעודה און גערעדט אין לערנען. דערוויייל איז ר' דוד געבליבן צוזאמען מיט ר' משה שמואל, און האבן פארברענגט אגאנצן טאג, און נאך מנחה האבן זיי ווייטער פארברענגט, ביז כמעט חצות הלילה, דעמאלטס האט ר' דוד געזאגט אז מען דארף שוין גיין דאווענען מעריב. דעמאלטס איז געווען א מלחמה פון צרפת און דייטשלאנד, און כדי צו גיין צו יענע שול האט מען גענדארפט אריבער גיין א בריק, אבער פונקט אינמיטן בריק איז געווען די גרעניץ און מען האט נישט געקענט אריבערגיין נאר מיט די ריכטיגע פאפירן, האט ר' דוד געזאגט פאר ר' משה שמואל ער זאל אנכאפן זיין גארטל און אזוי וועט מען אריבערגיין דעם גרעניץ און מען וועט זיי נישט זען, און כך הוה.

זיי זענען אנגעקומען צום שול און ר' דוד איז אריין דאווענען און ר' משה שמואל איז געבליבן אינדרויסן, נאך א האלבע שעה איז ר' דוד ארויס געקומען און האט געזוכט ר' משה שמואל, און ווען ער האט אים געטראפן האט ר' דוד אים געזאגט, איך פארשטיי אז דו ביזט נישט אריין אין שול ווייל מען זאל נישט זען אז דו ביזט געקומען מיט מיר, און מען זאל דיר נישט מכבד זיין! אבער זאלסט וויסן אז דו דארפסט זיך שוין נתגלה ווערן, ווייל אין הימל וויל מען אז זאלסט נתגלה ווערן, און אויב נישט, וועסטו שטארק חרטה האבן אויף דעם! און איך וויל דיר דערציילן א מעשה:

עס איז געווען א באהאלטענער צדיק אין א דארף וואס ער האט אליין געהערט אז מען רופט אוים א כרוז אין הימל אז עס איז געקומען די צייט אז ער זאל זיך אנטפלעקן, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט בשום פנים ואופן ווערן מפורסם, און איז געבליבן באהאלטן. ביז איין טאג האט ער געהערט נאך א כרוז אין הימל: אז אויב ער וועט זיך נישט אנטפלעקן וועט ער האבן געפערליכע בזיונות וועגן דעם. אבער ער האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון דעם כרוז, און עס איז ארויס אויפן צדיק נסתר א שלעכטע קול אז ער האט עובר געווען אויף א גאר גרויסע עבירה. עס האט אים אבער נישט געשטערט אז מען רעדט אויף אים, ווייל ער האט געוואוסט אז עס נישט אמת, און האט מקבל געווען די בזיונות באהבה.

עס איז געווען א תענית ציבור, און דער רב פון שטאט האט גענדארפט א מנין פאר קריאת התורה, האט מען גערופן דעם צדיק נסתר ער זאל קומען משלים זיין א מנין און ער איז געקומען. דער גבאי האט גענעבן א עליה פארן צדיק, און דער רב איז געווען די בעל קורא, און דער רב ווען ער האט געזען אז דער צדיק נסתר איז עולה לתורה, האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געזאגט:

דו ביזט דאך א רשע האסט געטאן אזוי און אזוי! און דו שעמסט זיך נישט צו בענטשן אויף די תורה? און דער רב האט געגעבן א פראסק פארן נסתר, אבער דער צדיק האט אים נישט געענטפערט און געמאכט די ברכת התורה און נאך קריאת התורה איז דער צדיק ארויס פון שול!

יענע נאכט איז דער טאטע פון רב געקומען צו זיין זון אין חלום און אים געזאגט אז אין הימל וויל מען גוזר זיין אויף דיר מיתה ווייל דו האסט מבזה געווען א גרויסע צדיק, און ער האט בכלל נישט עובר געווען קיין עבירות, און די סיבה פארוואס עס איז ארויס א קול אויף אים, איז א שטראף וואס ער וויל זיך נישט נתגלה ווערן, דעריבער הייס איך דיר אז פאר די גזר דין גייט ארויס אויף דיר, זאלסטו אים שוין גיין איבערבעטן, נישטווארטן א מינוט!!

דער רב האט גענומען מיט זיך א מנין אידן, און שנעל צוגעפארן צום דארף פון צדיק, אבער דער צדיק האט געשפירט אז זיי קומען איז ער אנטלאפן אין פעלד אז זיי זאלן אים נישט טרעפן, און ווען זיי האבן געפרעגט זיין ווייב וואו איז איר מאן? האט זי זיי געפרעגט: איר ווילט אים נאכאמאל שלאגן? האט דער רב געענטפערט: ח"ו! מיר האבן חרטה און מען וויל אים איבערבעטן! ווייל מיר האבן נישט געוואוסט אז ער איז א צדיק, ווייל מיר האבן געהערט דעם שלעטכטן קול אויף אים.

האט זי זיי געזאגט אז זיי וועלן מוזן ווארטן ביז איר מאן וועט אליין קומען. און אין אפאר טעג ארום איז דער צדיק אהיים געקומען, און דער רב איז געפאלן צו די פיס פון צדיק און אים געבעטן מיט תחנונים אז ער זאל אים מוחל זיין, און אז ער האט געברענגט א מנין אידן כדי אים מפייס זיין ברבים. האט דער צדיק געזאגט אז עס איז גוט אז זיי זענען געקומען, ווייל עס איז יעצט דא א גרויסער קיטרוג אויפן שטאט אבער ווייל ער איז געקומען איבערבעטן און ווייל מען איז אים מוחל, וועט די קיטרוג אויפן שטאט בטל ווערן, אבער פאר דיר, דער רב, וועט עפעס מוזן געשען א עונש פארן מבזה זיין, אבער דו וועסט בלייבן לעבן, און מען האט זיך געזעגנט בשלום.

אינמיטן וועג האט זיך זייער וואגן איבערגעקערט און די וואגן איז פונקט געפאלן אויפן פוס פון רב און האט צובראכן די פוס, און ער האט געהאט גרויסע יסורין פון דעם, אבער מען האט אים געקענט ראטעווען די פוס און שפעטער איז די פוס געווארן אויסגעהיילט! ע"כ.

האט ר' דוד אויסגעפירט צו ר' משה שמואל: יעצט וויל מען פון הימל אז דו זאלסט זיך נתגלה ווערן ווייל אויב נישט חלילה וועסטו חרטה האבן. אבער ר' משה שמואל האט געהאלטן ביי זיינס און איז שטענדיג געבליבן באהאלטן, און פאר עס איז נסתלק געווארן האט ער דערציילט די מעשה פאר זיין זון און האט מודה געווען אז ער האט אסאך מאל חרטה געהאט און אסאך געליטן פארוואס ער איז נישט נתגלה געווארן זיע"א. (מגדל דוד)

**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה**

סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין און סנהדרין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, סידור דרך החיים זיטאמיר מצב יפה, תיקוני זוהר דפוס סלאוויטא, בריוו פון דעת סופר און זון וועגן בויען זיין ישיבה אין ירושלים, א שיינע בריוו פון הגאון מטשעבין וועגן זיין חשובע ישיבה, סעט זוהר בינוני דפוס זיטאמיר, שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר, ספר וואס האט באלאנגט צו הר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינצקי פרעגט אין טלפון אדער אימייל די אלע פרייזן און אויך וועגן אנדערע ספרים און בריוון, 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*

**מיר פארקויפן דאטשיק'ס און ראש ישיבה און חזנים קאפל פאר פורים אויך ירושלמי יארמולקעס א פרייליכן פורים פאר אלע**

**א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען** מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש

דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבחור החשוב יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י - - י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב!